יודעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

(שאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 3)

היינט 20 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

№ 11 | Łódź, Piątek, 12 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ה טבת תרצ״ד | № 11

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.



KINO „Zachęta" 26 זגערזשער 26

קינא „Zachęta" 26 זגערזשער 26

די גרעסטע איבערראשונג פאר אלע יודישע קינא-בעזוכער!!!

די גרעסטע פילם-סענסאציע פון אונזער צייט!

דער ערשטער 100%-יגער רעדעוודיגער און זינגענדער פילם

אינגאנצען אין דער יודישער שפראך!

געדענקט די לעצטע טעג! ● יודען! אלע ווי איינער מוזט איהר זעהען די גרעסטע ביבלישע טראגעדיע

# „יוסף אין מצרים"

אין דאזיגען גיגאנטישען פילם שפילען די בעוואוסטע יודישע שוישפילער פון אמעריקא:

בעני אדלער, יוסף גרינבערג, וואלף גאלדפאדען, זיגמונט צוקערבערג, וואלף בארזעל, גערטרוד לעוויטאן, הערמאן שיעראצקי, סאביא אדלער, אידא אדלער און יוסף שווארצבערג.

אויסערן פראגראם וועט דער בעריהמטער ניו־יארקער אויבערקאנטאר ווארמאן מיט זיין גרויסען כאר זינגען „כל-נדרי" 5000 מענשען נעמען אנטייל אין דער דאזיגער הערליכער פילם-אויפפיהרונג! „יוסף אין מצרים" איז די גרעסטע דערגרייכונג אין דער פילם-קונסט! אזא פילם איז נאך נישט געווען!

לאדזער יודען! יעדערער פון אייך מוז זעהען און הערען דעם וואונדערליכען פילם וועגען יוסף און זיינע ברידער!

געדענקט! שוין די לעצטע טעג ווערט דעמאנסטרירט דער הערליכסטער-יודישער פילם!

בעמערקונג: ס'איז כדאי צו בעמערקען, דאס „זאכענטא" בעוויזט איינע פון די בעסטע אין אונזער שטאט קלאנג-פילם-מאשין. ווי דאס רעדען קומט ארויס קלאר און דייטליך, אזוי צו דער בעזוכער האט די מעגליכקייט צו הערען יעדעס ווארט. אנהויב מעגליך 4.30 ביכמ. שבת אוי זונטאג 11 פייטאג.

קינא „זאכענטא" 26 זגערזשער 26

קינא „זאכענטא" 26 זגערזשער 26

M. Przygórski

ערשטקלאסיגער דיפלאמירטער ● קירזשנער-אטעליר

פיהרט אויס אלערליי פעלץ-אויסארבייטונגען

פעלצטליכע און רעגעלע אויספירונג

● פעטריקאווער 37, טעל. 176-34


פארזיכטיג
ביים קויפען פלייש!

די קצבים:

1) שמואל קליינמאן, בענעדיקטא 12
2) דניאל לייב געלבארד, קעלבאך 10

זענען געאסר'ט דורכ'ן רבינאט און געפונען זיך אהן מנקרים און משגיחים.

מ'טאר ביי זיי נישט קויפען קיין שום פלייש אויף כשר.

ועד הרבנים לעדת לודז

ה' וארא צ"ד

---

פון רבינאט

די קצבים:

1) ישראל לייזעראוויץ, קילינסקי 58
2) משה סעראקי, פראנציסקאנער 26
3) אלי' לאסמאן, רושנאווסקא 7
4) שלמה יאקובאוויץ, זשגאווסקא 67

האבען גענומען אויף זיך אלע פעראנטווארטליכקייט דעם פון איסור בשר חוץ און געגען זיי ווייטער אונטער די השגחה פון לאדזער רבינאט.

ועד הרבנים בלודז.

ה' וארא צ"ד

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם חשוב'ן סעקרעטאר פון דער יודישער קהלה

ה' פנחס נאדעל

צוליב'ן טויט פון זיין

# מוטער נ"ע

אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון קליינהענדלער-פעראיין אגראדאווא 10

פרנס לייביש ראזענבערג
" גרשון וואלמאן
" משה בענדיסל

---

אונזער חשוב'ן פריינד

רעד. לאזאר קאהאן

צוליב'ן טויט פון זיין

# פאטער

דעם טיפסטען בייליד

רעדאקציע, אדמיניסטראציע און זעצעריי פון „נייעס פאלקסבלאט"

---

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען מיטגליד

נ"ע לייזער טערקעלטויב

פאדערן מיר אויף אלע אונזערע מיטגלידער צו בעטייליגען זיך אין דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג 12 בייטאג פון טרויער הויז פאלודניאווא 15, כדי אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין, נאווראטקא 12.

---

מיין פריינד

פנחס באדעל

צוליב'ן טויט פון זיין

# מוטער נ"ע

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטלייד

עזריאל גאלדשטיין.

---

אין טיפען טרויער טיילען מיר מיט אלע מאגאזין-שניידער-מייסטער, אז נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אונזער לאנג־יעהריגער און זעהר געאכטעטער פערוואלטונגס-מיטגליד

# נ"ע לייזער טערקעלטויב

איז עלטער פון 41 יאהר.

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט פרייטאג, דעם 12-טן יאנואר 1934, 12 אזייגער בייטאג פון טרויער-הויז פאלודניאווא 15, ווערן אלע מיטגלידער אויפגעפאדערט צו קומען, כדי אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג

פון דאמען-מאגאזין-שניידער-מייסטער

אין לאדז, פאמארסקא 53.

181


בעקאנטמאכונג
וויכטיג פאר מחותנים!!!
דער נייער
קאנצערט-זאל
פיאטרקאווסקא 3,
טעל. 226-24
צו פערדינגען צו קאנקורענץ-פרייזען
כמעט בחנם!
דער זאל איז יעצט פריש רעמאנטירט קומט און איבערצייגט אייך!

סטארשי פעלדשער
A. Neumark
האט זיך איבערגעצויגען אויף
28 פאלודניאווא 28
טעלעפאן 163-46
נעמט אן פון 10-8.30 פריה און 2-4 נ.מ.
פאר אונבעמיטעלטע ל עסטניצע-פרייזען בעווארען.

Dr. med.
Z. Datyner
אורלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנקה.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אן פון 3-2 און פון 6-8 אוו.

אנאנסען אין „נייעס פאלקסבלאט"
האבען דעם גרעסטען ערפאלג.

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון



אַי, הערט עץ, יאַטן, שוועגדזשוענמיך די הענד! וואָלט איך גיוואָלט ליפּטערן! און ווייסט עץ וועמען? די ווילקער שמאַלצבאַכער!

זאָגען נישט וואָס צו טען, די שמאַלצבאַכער, האָבן זיי זיך גימאַכט אַ קומיטעט פאַר די אַנטלאָפענע יודען פון דאַטשלאַנד, זיצן זיי אין חדר בבריסט־לאָזשע אַף גיבעטע פאַטער שטילען און טריגקן טיי מיט לימינע און וואַטער גאַרנישט.

מאַכט דער פּאָליקס בלאָט אַ גיוואַלד: וואָס זאָגט דאָס אַ מו״ש׳ן זיקיבים, צי וועלכע גיטע יאָהר? טראַשען זיי זיך, די ווילקער שמאַלצבאַכער אין מיטען אין גאַנצע פּליטע.

וואָלט איך, פּיניעלע, גיווען אין דער בבריסט־לאָזשע, וואָלט איך אַזוי גיזוגט:

הערץ מיך אויס, עץ פלאָקענשיסער׳ס, וואָס טראַשעט עץ די הענד? וואָס דערציילט עץ, אַז צ׳ועט וואַטער נישט געבן קאָ געלד? ווען אַט עץ יאָ גיגעבן? זאָגט מיר, פאַניע גרויזינער, ווען האָט איהר גיגעבן אַ״ס אַ גראָשן פאַר אַבֿ׳אָרימאַן? עץ מיינט דאָך באַר שליפּעס מיט בענדלעך! צ׳וועלט דאָך באַר שטיין אַפן בלאָט און וואַטער גאָרניש.

הערץ מיך אָעס, ווילקער שמאַלצבאַכער, וואָס זאָגט פּיניעלע פון שמולן געסל זאָג:

עץ אַלע, וואָעס צ׳זיצט אין דער בבריסט־לאָזשע אַף די גיבעטע פאַטער־שטיל וענט שוין אַף שמעלץ. מיר, יאַטען, זלן דאָעס גאַנצע אַלט־מאַריג ואסטאַשן אַף בריטע זאַכן. האַקין נישט לאַ טשייניק און טרוגן ענק בעסער אָפּ מיט גירייצטע פּיינער — ס׳איז שוין צאַט!

אַי, הערט עץ, יאַטן, שווענדזשען מיך די הענט! וואָלט איך די ווילקע שמאַלצבאַכער גיוואָלט ליפּטערן!

---

## איז אטוואצק

גאַסט (צום פּענסיאָנאַטניק): וואָס גיט איהר אונזערס דו קוה צו עסען ציטרין?

פּענסיאָנאַטניק: איך דאַרף האָבען פאַר די געסט זויער־מילך.

## לאדזער רעסטאראנען

גאַסט: פאַניע אָבער, וואָס איז דער חילוק צווישן אַ בעפשטיק פאַר 1.50 ביז 2.50 זל.?!

קעלנער: צו אַ בעפשטיק פאַר 2.50 זל. גיט מען צו אַ שאַרפען מעסער.

# יורידישע עצות
## געענטפערט פון אונזער „קונדס“־יוריסט

טייערער „קונדס“.

איך בין אַ בחור צום האָבען, איך שטיי אין שידוכים. די שדכנים גייען ביי מיר נישט פון שטוב אַרויס. טעגליך טו איך בעשויגען אַ טייך מיידען, פרעג איך איך, צי דאַרף איך אויף מיין געשעפט אויסקויפען אַ פּאַטענט?

ענטפער:

איהר מוזט אויסקויפען אַ פּאַטענט, און די שדכנים מוזן איהר פערזיכערען אין דער קאַסאַ באַ״ך אַלס איערע שטענדיגע מיטאַרבייטער.

* * *

צוקערדיגער רעדאַקטאָר.

ענטפערט מיר אונטער פיער אויגען, וואָס כ׳זאָל טון מיט מיין מאַן, ער האַלט מיך אין איין שלאָגען.

ענטפער פון רעדאַקטאָר:

ליידער קען איך איך נישט ענטפערען אונטער פיער אויגען, ווייל מיין ווייב האָט מיר אויסגעהאַקט איין אויג.

## דעם שניידערס קלאפּאט
### ווי אַזוי זאָל ער צושניידען?

קליענט (צום שניידער): דאָ האָט איהר די סחורה 2.80 מעטער. איך וואָלט אָבער געוואָלט, אַז איהר זאָלט צושניידען דעם אַנצוג אין מיין געגענוואַרט.

שניידער: (בעטראַכט די סחורה פון אַלע זייטען).

קליענט: וואָס קלערט איהר אַזויפיל?

שניידער: כ׳ווייס נישט וויאַזוי צו שניידען: זאָל איך שניידען פאַר איך, וועט נישט סטאַרטשען פאַר מיר, זאָל איך שניידען פאַר מיר, וועט נישט סטאַרטשען פאַר איך.

## צווישע היינטיגע ווייבלעך

— כ׳האָב געהערט, אַז איהגס מאַן איז געשטאָרבען? אויף וואָס איז ער קראַנק געווען?

— ס׳איז נישט געווען קיין שום געפעהרליכעס.

## די פערשטעהט אויפן וואונק

בעל־הבית (צו דער נייער באָנע): האָט איהר ליב קינדער?

באָנע: קינדער האָב איך ליב, נאָר זייט בעסער „אָסטראָזשנע“...

# היטלער עסט ווייניג
## אדרבה: זעהט וואס ער עסט

די דייטשע פרעסע שרייבט, אַז היטלער עסט זעהר ווייניג.

אויף אָוונט־ברויט עסט ער איין שטיקעל ברויט מיט איין איי, איין גלאָז קאַווע, און אַ גאַנץ קליין יודעלע.

## סוחרים-פּאליטיקער

— ווי מיינסטו, וועט די פעלקער־ליגע געהאָלפען פליטה?

— מ׳קאָן נישט וויסען: היינטיגע ציימען טון די בעסטע געשעפטען פּלאַצען, און פּוילע גע־שעפטען האַלטען זיך.

## אין „אסטאריא“

גאַסט (צום קעלנער): פאַניע אָלק, וואָס האָט איהר עפּעס גוטס?

קעלנער: אַ גוטען... כאַראַקטער.

## ער גיט נישט אויס

דער היגער זאַקען־פאַבריקאַנט, ק. איז אַזאַ קמצן, אַז ער גיט גאָרנישט אויס, אפילו די אייגענע טאָכטער.

## זיינוועלע קראדניק
### און זיין 10-יעהריגער בנ׳אס

זיינוועלע קראַדניק איז דער אמת׳ער כוסה־בחור און אַ קאַרטאָוויק. די טעג טרעפט איהם זיין 10 יעהריג יונגעלע אין דער גאַס אין דער בעגלייטונג פון אַ חברה קאָרטענשפּילער׳ס.

— טאַטעשי, האָט דאָס יינגעלע איהם גע־פרעגט — ווי שעמט זיך נישט דער טאַטעשי צו זיין אין דער געזעלשאַפט מיט מענשען, וואָס געהען מיט׳ן טאַטעשי.

## די ליבע ברענט
### ס׳איז נאר אַ פראגע — צו וואס?

מחותן: מלא פאַניע העניק, איהר זאָגט אויף אַב׳אמת פערליבט אין מיין טאָכטער? איהר דאַרפט אָבער וויסען, אַז ביי מיין לעבען וועט איהר קיין גראָשען נדן נישט בעקומען. נאָך מיין טויט געהער אַלץ איך.

חתן: אָבער זאָגט מיר אין פראַגע: צי האָט איהר ליב אייער טאָכטער?

מחותן: וואָס פאַר אַ פראַגע? זי איז דאָך אַ בת־יחידה!

חתן: אויב אַזוי האָף איך, אַז איהר וועט צו־אייליען צו אייער טאָכטער׳ס גליק.

# דער פאטאלער ציפער 13
## געזעסען, געגעסען און... געשטארבען!

אין אַ געזעלשאַפט זאָגט איינער פון די געסט: אפשר וואָלט מען צוגעבעטען נאָך איינעם צום טיש, ווייל ס׳זענען דאָ 13 געסט. אַ פאַטאַלער ציפער.

— ווייס איך וואָס, באַרישקייטען — האָט די בעל־הבית׳טע געענטפערט.

— פונדעסטוועגען, האָט דער גאַסט גענומען דערצעהלען אַ מעשה: ס׳איז געווען אין יאָהר 1912 (דער פאַטאַלער ציפער 13). בין איך געווען צו גאַסט. ביים טיש זענען געזעסען 13 פערזאָן, מ׳האָט דערלאַנגט 13 מאכלים, בעת מ׳האָט דערלאַנגט דעם 13טען מאכל, איז איינער פון די געסט אַ מאַן פון 76 יאָהר (ווידער 13). נישט גוט געוואָרען און...

— וואָס?.. און געשטאָרבען?... דאָס איז שרעקליך!

— יאָ — האָט דער גאַסט געענטפערט — פונקט מיט 13 יאָהר דערנאָך.

---

# דער קונדס
הומאר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 11 — פרייטאג, דעם 12 יאנואר 1934

# א שוואכער מענש, נעביך!...



לאדזער פאבריקאנט (צו א פליט פון דייטשלאנד):

געהט גיכער ארויס פון מיין קאבינעט, ווארום דאס הארץ פלאצט מיר... פון מיטלייד..

